Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT · פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 145 | Łódź, Czwartek, 23 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י"ט סיון תרצ"ב | № 145

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# מאניפעסט פון פרעז. הובער

## אנ'אולטימאטום פאר אלע מלוכות פון דער גאנצער וועלט

גענף, 22. (ספ. טעל.)
א שטארקען רושם האט אין די פאליטישע קרייזען געמאכט דאס פלוצלונגע צוזאמענרופען אויף היינט בייטאג א זיצונג פון דער הויפט-קאמיסיע ביי דער ענטוואפנונגס-קאנפערענץ הגם נעכטען נאך האט דער פרעזידענט פון דער קאנפערענץ, הענדערסאן דערקלערט, אז זי וועט צוזאמענגערופען ווערען ערשט אין אנהויב יולי.

אויפ'ן סדר היום פון דער היגער זיצונג געפינט זיך דאס אדורכלייענען דורכ'ן אמבאסאדאר גיבסאן פון הובער'ס נייער דעקלאראציע.

דאס צוזאמענרופען פון דער קאנפערענץ איז געשעהן מחמת דער דעצידירטער פאדערונג פון הובער'ן וועלכער וויל דורך זיין איניציאטיוו א שטויס טון די גענפער און לאזאנער בעראטונג אויף א רעאלען וועג ארויף.

וואשינגטאן, 22. (ספ. טעל.)
דער פרעזידענט הובער האט פערעפענטליכט א מאניפעסט, וועלכען ער האט אליין איבערגעלייענט אין סענאט.

דאס איז א מאניפעסט צו אלע מלוכות פון דער גאנצער וועלט מיט אנ'אויפפאדערונג, אז אויב זיי ווילען, אז אמעריקא זאל זיי שענקען די חובות, זאלען זיי תיכף צוטרעטען צום אדורכפיהרען אין לעבען א פולשטענדיגע ענטוואפנונג.

אין דעם מאניפעסט ווערט גענוי אנגעוויזען ביז וואס פארא מינימום עס זאלען דערגרייכט ווערען די בעוואפענטע כוחות פון יעדער מלוכה.

דער מאניפעסט ענדיגט זיך מיט די ווערטער:
„אויב די מלוכות האבען געלד אויפ'ן כסדר'דיגען בעוואפענען זיך, דארפען זיי אויך קאנען צאהלען די חובות פון דער מלחמה, וואס איז געווען א רעזולטאט פון דער בעוואפנונג, אויב די מלוכות וועלען נישט מסכים זיין אויף דע רתיכף'דיגער ענטוואפנונג פאדערט אמעריקא תיכף צו בעצאהלען אלע חובות און די וועט זיי נישט שענקען קיין איין סענט.

### דער מאניפעסט פון הובער'ן אויף דער ענטוואפנונגס-קאנפערענץ

גענף, 22. (ספ. טעל.)
דער אמעריקאנער דעלעגאט גיבסאן האט געקומען ראדיא-טעלעגראפיש דעם איבהאלט פון הוּ-בערס מאניפעסט און צוליב איהם איז גערופען געווארען אנ'עקסטרא זיצונג פון דער ענטוואפנונגס קאנפערענץ.

גיבסאן האט אויף דער קאנפערענץ איבערגעגעבען דעם מאניפעסט וועלכער איז דא געווען די סענסאציע פון טאג.

עס האט זיך אנגעהויבען א דיסקוסיע, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט פארשטייער פון די מלוכות און אויך דער סאוויעטישער דעלעגאט ליטווינאוו.

די אלע ארויסגעזאגטע מיינונגען זענען דאס רוב געווען וויסמיידענדע...



די לופט-שיף „גראף צעפעלין" איבער דעם האפען פון ראטערדאם (האלאנד)



דער פילאזאף און פעדאגאג שפראנגער, איז אלט געווארען פופציג יאהר.

### פערמשפט א שפיאן אין טארן

טארן, 22. (טעלעפאניש.)
א שטאנד-געריכט האט פערמשפט דעם פראוואסלאווענעם זעלנער ניקאלאי טשיזש צום טויט פאר שפיאנאזש.

דער מלוכה-פרעזידענט האט דעם טויט-אורטייל פערביטען אויף פופצעהן יאהר שווערע תפיסה.

### פוילישער וו.-פינאנץ-מיניסטער אין לאזאן

לאזאן, 22. (ספ. טעל.)
דא איז אנגעקומען דער פוילישער וויצע-פינאנץ-מיניסטער, קאץ, וועלכער איז געקומען מיט א ספעציעלער מיסיע צו דער ווירטשאפטליכער קאנפערענץ אין לאזאן

איבעראשענד נייעס פאר אלע לאדזער לעטניקעס!
אויב איהר ווילט א גוט געשמאק און כשר מיטאג מיט היהן און געבנזעבס, טא אילט אלע אין ניי-רעמאנטירטען ערשטקלאסיגען און
כשר'ן רעסטאראן A'la Aschinger פעטריקאווער 30 טעל. 205-91
וואו איהר בעקומט דאס בעסטע און געשמאק מיטאג מיט היהן און פולסטע גענזענס נור פאר 1.75 זל.
סאלידע בעדינונג. געבעקס פריי. פון 7 א זייגער פריה בעקומט מען טעגליך די בעסטע יארסקע פריהשטיקען און אווענדברויטען נור פאר 1 זל.
מיטאג כמעט בחנם!

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 70 יאהר מיין ליבע פרוי, מיין טייערע נישט-פערגעסענע מוטער, שוויגערמוטער און גרויסמוטער
נ"ע
בילה אשת ר' יצחק מאיר נ"י גרינפעלד
(משטעקאטשין)
די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, י"ט סיון תרצ"ב, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז שרודמיעסקא 24 (פריהער ציגעל-גאס 11), וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

אכטונג, טוריסטען קיין א"י!
נור נאך איינציגע טעג איז פערבליבען זיך צו פערשרייבען אין דער
עקסקורסיע קיין ארץ-ישראל
אונטער דער לייטונג פון אינזש. י. זילינסקי.
אלע די, וועלכע ווילען מיטפאהרען מיט דער עקסקורסיע דארפען תיכף איינצאהלען 500 זל. אין Komunalna Kasa Oszczędności miasta Łodzi 68,338 P. K. O.
און אונז איבערשיקען די דאקומענטען. אלע ארט אינפארמאציעס צו בעקומען אין „תוצרת ארץ-ישראל", שרודמיעסקא 1, טעל. 193-42
3831

ווארנונג!
דערמיט ווארנען מיר דעם ה' י. גארדין, רייזענדער אויף אבערשלעזיען, אז ער זאל מיר צושטעלען די איינקאסירטע סומע פון די קונדען איבער 2600 זל. ביז'ן 1-טען יולי 1932. אין געגענפאל וועלן מיר געצוואונגען זיין דעם ענין איבערצוגעבען דער פראקוראטור און מיר נעהמען ארא פון זיך די אחריות פאר די ווייטערדיגע פאלגען.
מיט אכטונג
פירמע ה. ברין
פיעטריקאווער 48
3883

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען מיין ליבע און אונפערגעסליך טעכטער'ל
נ"ע הענע בת ר' יעקב נ"י ראזענקאפף
אין עלטער פון 7 יאהר.
די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, דעם 23 יוני 1932, 3 א זייגער נאכמ. פון טרויער-הויז, פיעטריקאווער 28, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער
דער אין טיפען טרויער פערבליבענער פאטער

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען, ד. 22. ד. ח. געשטארבען אין עלטער פון 65 יאהר אונזער אונפערגעסליכע
נ"ע בלומע טשארנא
(פון דערהיים גאליבארסקא, געבוירען אין וויסאקא-לימאווסק)
די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, דעם 23. יוני 1932, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, זאכאדניא 40, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע פאמיליע.

# היטלעראָוצעס שיסן אויף א פוילישן צוג

דאַנציג, 22. (ספּ. טעל.)
נעכטען איז אויפ'ן הויפּט-וואָגזאַל אין דאַנציג פאָרגעקומען אַ וויכטיגער אינצידענט:
בעת עס איז אַרויסגעפאָהרען דער פאַסאַזשיר-צוג אין דער ריכטונג פון טשעוו, — 10 מינוטען, — האָט אַ גרופּע היטלעראָוצעס דריי מאָל געשאָסען אויף אַ וואַגאָן-אָפּטיילונג וואו עס האָבען זיך געפונען זעקס פוילישע קריגס-מאַטראָסען, וועלכע זענען געפאָהרען מיט'ן צוג.
קיין מענשען האָבען די קוילען נישט געשאַדט.

# אהיזק פון 3,600,000 זלאָטעס

## צוליב אויטאָ-אפּאַנעס, וואס זענען געשמוגעלט געוואָרען פון דייטשלאַנד

וואַרשא, 22 (טעל.)
פעראינטערעסירטע פאַקטאָרען זענען געקומען אויף די שפורען פון א גרויסער שמוגעל-אפּערע: דורך דאנציג און קאטאָוויץ זענען אין דעם לעצטען יאָהר אדורכגעשמוגעלט געוואָרען אנ'ערך 40 000 אויטאָ-אַפּאַנעס, אויף וואָס די רעגירונג האָט טעאָרעטיש געהאט א היזק פון 3 מיליאָן 600 טויזענד זלאָטעס.

# דייטשע קריגס-שיפען אין דאנציג

## דער היטלעריסטישער שמחה וששון און העצע

דאַנציג, 22. (טעלעפאָניש).
דאָ זענען פאָרגעקומען גרויסע פייערליכקייטען צוליב'ן אָנקומען פון די דייטשע קריגס-שיפען.
עס האָט זיך געשאַפען אַ שטאַרקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונג.
די פוילישע נאָטע צו דעם דאַנציגער הויך-קאָמיסאַר וועגען דעם קומען פון די קריגס-שיפען האָבען די דאַנציגער צייטונגען פערזעהן מיט העצערישע קאָמענטאַרען.




אין פערלויף פון צוויי יאָהר איז דער וועלט-האנדעל געפאלען אויף א העלפט
(לויט דעם אויסצייכנונג פון א דייטשען סטאטיסטישען ביוראָ)

# דער פאָליציי-פּרעזידענט פון מאדריד באַסקעז



איז פערוואונדעט געוואָרען בעת א קאמוניסטען-דעמאנסטראציע

# מען טאַפּט דעם דופק...

## און ווי וועט עס, א שטייגער זיין, ווען ווילהעלם 2 וועט צוריק קייזער?

לאָזאַן, 22. (ספּ. טעל.)
מ'גיט איבער אין די קולואַרען פון דער קאָנפערענץ, אַז דער דייטשער אויסערן-מיניסטער נויראַט האָט זיך פּריוואַט אָנגעפרעגט ביי די [illegible] הערן פון פראַנקרייך, ענגלאַנד און איטאַליען, ווי זיי וואָלטען זיך פערקוקט אויף דעם, ווען ווילהעלם זאָל גיין צוריק אויפ'ן טראָהן...
די ענטפערס זענען נישט בעקאַנט.

# אזוי, צו אזוי — מען קאן נישט צאָהלען

לאָזאַן, 22 (ספּ. טעל.)
דער דייטשער אויסערן-מיניסטער נויראט האָט איבערגעגעבען מאקדאנאלד'ן א מעמאָראנדום, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, אז דייטשלאנד קאָן נישט איינגיין אויפ'ן פראנצויזישען פּלאן פון לעזען די ענטשעדיגונגס-פראגע, מחמת דער ארבייטסלאָזיגקייט, דעם נישט-קענען הנכערען די די שטייערען, מחמת דער גרויס פון די אויסערליכע חובות א. א. וו.

# געוו. דעפּוטאט פארבשטיין געקומען קיין ווארשא

וואַרשאָ, 22. (טעלעפאָניש).
דער געוו. סיים-דעפּוטאַט העשל פאַרבשטיין וועלכער אַמטירט איצט שטאַביל אין פאַלעסטינע אַלס אַ מיטגליד פון דער יודישער [illegible] איז געקומען קיין וואַרשאָ אויף צוויי וואָכען.

# באהן-קאטאסטראפע נעבען פּיעטריקאוו

פּעטריקאָוו, 22. (טעלעפאָניש).
נעבען פּעטריקאָוו איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען צוויי צוגען.
עס זענען דאָ צוויי פערוואונדעטע.
קיין בעדייטענדער שאָדען איז נישטאָ.

יודיש-פּוילישע געז.
ליה-ביבליאטעק
אויפ'ן נאָמען פון
א. אייזענשלאס
לימאנאווסקי (אלעקסאנדראָווסקא) 15
די ביבליאָטעק איז אָפען פרייטאָג, שבת און זונטאָג פון 5 ביז 9 אָווענד. מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג פון 7 ביז 10 אין אָווענד.
מיטגלידער-אפּצאָהל 80 גראָשען א חודש
פאר ארבייטסלאָזע 60 גראָשען א חודש

גאנץ לאָדז ווייסט
אז דער פאטאגראפישער אנשטאלט
„פאלאניא"
שוו. יעזשעגא 11
איז פאָפולער מיט זיינע גוטע קינסטלערישע אויפנאָהמען, און בעמיהט זיך צו זיין פאר די ג' קליענטען זעהר פינקטליך. און ד. רצ. בעזיצט ער א גרויסען אויסוואהל פון ארטיסטישע קאָסטיומען.
מיט אכטונג
ארטיסט. פאטאגראף. אטעליר
„POLONJA"
לאדז, יעזשעגא 11.
אונגה. דיפל. פאָטאָגר גוטערמאַן
צופאָהר מיט טראמוואי נומ' 8.

URODONAL
CHATELAINA



Zwalcza
reumatyzm
podagrę
piasek
sklerozę
czyści nerki
oczysz. wątrobę
i stawy,
łagodzi arterje
i zwalcza
otyłość
Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo ul. Fredry 4 Warszawa

אבאנסן אין נייעם פאלקסבלאט
האָבן גרעסטען ערפאלג!

בעזה"י
א בשורה טובה פאר לאָדזער יודען!
צום נייעם שול-יאָהר תרצ"ב (1932/33) אי"ה ווערט געעפענט די שוין לאַנג-ערווארטעטע
לאָדזער ערציהונגס-אנשטאלט
„חורב"
וואָס וועט בעזה"י זיין לשם ולתפארת פאר'ן לאָדזער יודענטום.
„חורב" ווערט איינגעאָרדנעט אין א היגיענישן קאָמפאָרט-איינגעריכטעטען לאָקאַל.
„חורב" איז די ערשטע ערציהונגס-אנשטאלט, וואָס ווערט געגרינדעט און וועט אָנגעפיהרט ווערען דורך די בעסטע פעדאגאגישע פאכמענער, וואָס דאָס רעליגיעזע יודענטום אין פוילען פערמאָגט.
„חורב" וועט מיט זיין סדר הלמוד און אופן פון ערציהונג זיין בעזה"י בתכלית השלמות אזוי אז די תלמידים וואָס וועלען דאָרט ערצויגען ווערען וועלען זיין באזה"י מושלמים בתורה ויר"א און מדות טובות מיט דרך-ארץ'דיגער אויפפיהרונג אין עלטערן-הויז, און אין דער געזעלשאַפט.
„חורב" האָט פאר זיך ז'עם וויכטיגען ציל צו ענטוויקלען די גייסטיגע פעהיגקייטען פון יעדען תלמיד.
„חורב" וועט גרויס אכט לעגען אויף די למודי-חול, בכדי צוצוגרייטען דאָס יודישע קינד צום לעבען, עס גאראנטירען דערפאר די ערשטקלאַסיגע לערן-קרעפטען.
אין דער שפּיץ פון דעם נייען ערשטקלאַסיגען מוסד „חורב" שטעהען די בעקאנטע און פון אלעמען אָנערקענטע און בעליבטע פערזענליכקייטען דוד צבי זילבערשטיין, חיים דוד רוזאַנעס א. א.
איינשרייבונגען קומען פאָר טעגליך פון 10—2 און 5—9 אָווענד אין דער צייטווייליגער קאנצעלאריע סילינסקיעגא 44 וואָלטשאַנסקא 11, פראָנט 1-טער שטאָק.
3889

